**הײַנט אין נומער אַ בײַלאַגע:**

**בנות־הכשרה אין לאָדזש אין וואָרט און בילד**


# בית יעקב

**ליטעראַרישע שריפֿט פֿאַר שול און הײם**

דינט די ענינים פֿון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פּוילן

רעדאַקטירט דורך א׳ג פרידנזאָן

| ב״ה לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | שבט תרצ״ה | נומער 121 | צוועלפֿטער יאָרגאַנג |
| --- | --- | --- | --- |


# דער ווילן צו שטײַגן

די לעצטע לאַנד־באַראַטונג האָט געהאַט גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער ווי די אַלע שוין פֿאַרגעקומענע בנות־צוזאַמענפֿאָרן. מ׳האָט נישט געהערט קײן פֿון זיך זאַט־צופֿרידענע רעדעס, אָדער לויב־געזאַנגען וועגן דער באַוועגונג. להיפוך, ס׳איז געקומען בולט צום אויסדרוק, די נישט־צופֿרידנקײט פֿון ווײניק־דערגרײכטן, ווײניק־געשאַפֿענעם. אויף אַלץ איז געוואָרן אָנגעוואָנדיט אַ געזונטע זעלבסט־קריטיק.

דער עיקר־ציל פֿון דער באַראַטונג — האָב איך געזאָגט אין מײַן עפֿענונג־רעדע — וועט זײַן אַרײַנצוברענגען קלאָרקײט און אויפֿקלערונג אין אַלע ענינים פֿון אונדזער באַוועגונג.

און דאָס איז טאַקי געשען. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר טאָרן נישט קוקן אויף דער בצמצומדיקע עלי׳ קײן ארץ־ישראל ווי אַלס די אײנציקע רעטונג פֿאַר דער עקאָנאָמישער נויט פֿון אונדזער יוגנט. מיר וועלן באַגײן אַ פֿאַרברעך לדורות, ווען מיר וועלן דערלאָזן, אַז די גאַנצע יוגנט זאָל בויען זײער עתיד בלויז אויף דער האָפֿנונג פֿון עלי׳ קײן ארץ־ישראל, וואָס איז אַזוי באַשרענקט פֿון אַלע זײַטן.

ס׳מוזן געפֿינען ווערן אַנדערע וועגן און מיטלען צו לינדערן די מאַטעריעלע נויט פֿון דער יידישער פֿרויען־יוגנט. פֿאַך־אויסבילדונג, אויסקעמפֿן אַרבעט און באַשעפֿטיקונ־פֿאַר דער רעליגיעזער יידישער טאָכטער, שאַפֿן אַרבעט־פּונקטן און בכלל זיך פֿאַרנעמען מיט די פּראָבלעמען פֿון אַ בצסדרן מאָרגן פֿאַר דער יידישער טאָכטער.

די באַראַטונג האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון דערפֿון, אַז אַזעלכע פּראָבלעמען ווערן נישט אַזוי לײַכט פֿאַרענטפֿערט, אָבער אָנהײבן טון מוז מען שוין, און מיט פֿאַרײניקטע אָרגאַניזירטע כּוחות וועט דאָך אונדז געלונגען אויפֿצוטון.

דאָס באַפֿרײַט אונדז אָבער נישט פֿון טון פֿאַר ארץ־ישראל מיט אַלע מעגלעכקײטן, מיר באַגרענעצן די הכשרה, כּדי נישט צוצופֿירן צו קײן אַנטוישונג. מיר דערהאַלטן אָבער גלײַכצײַטיק הכשרה פֿאַר די, וואָס גײען אײַן אויף אַלע עווענטואַליטעטן, פֿאַר די וואָס זענען גרײט אויף אויסדויער און סבלנות.

דאָס חשובסטע אָרט אויף דער באַראַטונג האָט פֿאַרנומען די קולטור־פֿראַגע. קולטור־אַרבעט בײַ „בנות״ איז שוין פֿון לאַנג דער וויכטיקסטער אַרבעט־פּונקט און דערפֿרײַענד איז, אַז וואָס ווײַטער זעען מיר דעם דראַנג צו השתלמות אין דעם פֿרט.

די באַראַטונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַרײַנפֿירן אין בנות־לעבן דאָס קולטור־פּראָגראַם פֿון י״ל אָרלעאַן. שוין דער מיט אַלײן וועט די קולטור־אַרבעט שטײַגן באַרג־אַרויף. די דעלעגאַטנס האָבן חוץ־לזה אָנגערעגט אַ גאַנצע רײ נײַע אַרבעט־פּלענער ווי אויפֿצוהײבן דעם קולטור־מצב פֿון אונדזער באַוועגונג.

מיר האָבן ענדלעך באַקומען פֿרויען־סערטיפֿיקאַטן פֿאַר הכשריסטנס און גלײַכצײַטיק מוזן מיר אַזא עלי׳ באַוואַכן מיטן גרעסטן אחריות.

מיר מוזן זאָרגן פֿאַר אַ שטאַרקער בנות־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל און דאָס איז אונדזער אַקטועלסטער אויפֿגאַבע, כּדי די עולות וואָס קומען אַהין זאָלן געפֿינען אַ הײם.

די באַראַטונג האָט אויך נישט פֿאַרגעסן צו באַרירן די פּראָוויזאָריקטע פֿראַגע פֿון ליטעראַטור־דחקות אין אונדזער באַוועגונג. אמת, קײן קאָנקרעטע מיטלען זענען נישט אָנגעוויזן געוואָרן. אין לײַדער זענען אַזעלכע מיטלען נישט גרינג צו געפֿינען. די הנהלה פֿון צ. ס. האָט זיך אָבער גאַנץ ערנצט צוגעהערט צו דעם ווײ־געשרײַ פֿון ספֿרים און ביכער פֿאַר דער באַוועגונג, און סוף כּל סוף וועט אויף דעם געבײט גאַנץ בקרוב אונטערגענומען ווערן געוואַגטע פּרואוון.

דער עיקר איז די באַראַטונג געוועזן נאָר אַ הכנה צו דער נאָענטער לאַנד־קאָנפֿערענץ. איר אויפֿגאַבע אין דעם זין האָט די באַראַטונג אויף אַ גוטן אופֿן דערפֿילט.

אויף דער וואָך פֿון ל״ג בעומר האָבן מיר באַשטימט אונדזער לאַנד־צוזאַמענפֿאָר. דער דאָזיקער צוזאַמענפֿאָר וועט ערשט אין זײַן גאַנצער ברײט פֿונאַנדערוויקלען די פֿראַגן פֿון די בנות־באַוועגונג און אַנטשײדן וועגן אַלע אונדזערע שווערע פּראָבלעמען.

די פּאָר חדשים ביז דער קאָנפֿערענץ, דאַרפֿן מיר באַטראַכטן פֿאַר דער צוגרײט־צײַט און די דאָזיקע צײַט זאָל ווי געהעריק אויסגענוצט ווערן און פֿאַרשטאַרקטע מעשׂים אין אַלע ענינים.

בכלל איז די באַראַטונג געשטאַנען אונטערן צײכן פֿון דער שווערער צײַט און געדריקטער שטימונג, וואָס הערשט הײַנט אינעם יוגנט־לעבן. דאָך זענען געהערט געוואָרן ניגונ שטאַרקע און בטחון־פֿולע אויסרופֿן. די חברות מוזן געפֿלעגט ווערן מיט אידעאַליזם און גלויבן, מיט דעם כּלי־זײַן, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק טוט שוין טויזנטער יאָרן באַקעמפֿן אַלע מכשולים אויף איר היסטאָרישן וועג.

גראַד די נישט־צופֿרידנקײט מיט זיך, דאָס כּסדרדיקע אָפּגעבן זיך אַ חשבון־הנפֿש פֿון נישט דערגרײכטן, דאָס וויטיקן אויף די נישט פֿאַרענטפֿערטע פּראָבלעמען — דאָס אַלץ איז נאָר גוט און געזונט.

אַזעלכע שטימונגען וועקן צו מעשׂים, דערפֿרישן צו שעפֿערישקײט, באַוועגן צו אַקטיוויקײט, און מיט קאָנגזעטיקער אַרבעט וועלן מיר זיכער דערשטײַגן.

זאָל זײַן בײַ אַלע פֿירערנס דער אמתער רצון און דאַן וועט זײַן: אין לך דבר העומד בפני הרצון!

* *

